ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
## וישב

אידיש

**809**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק יז-יח

## • וישב •

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

די 11 טיילן פון טומאה וואס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי, און די וויכטיגקייט פון קדושה און צניעות. - דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג.

❖

**דער "צמח צדק" פון ליובאוויטש, דער גאון און קדוש ר' מנחם מענדל זי"ע, אין זיין אנווייזונג ווענן יראת ה' צו זיינס א גרויסן תלמיד, דייט ער אן אויפן הייליגן "קב הישר".**

# אינהאַלט
## פון פרקים יז-יח


**א.** אין פרק יז ווערן דערקלערט די עלף טיילן פון טומאה וואס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי. - אויך ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון פירן זיך בקדושה ובצניעות.......ה

**ב.** דער מענטש וואָס מאַכט פאַר זיך אַ גדר, ווערט אָפּגעהיטן קעגן די חיצונים.......ה

**ג.** מ'דאַרף זיין געוואָרנט נישט צו טרעטן אויף די נעגל פון אַן אומריינע פרוי.......ו

**ד.** דעריבער דאַרף מען זיך דערווייטערן ווי ווייט מעגלעך פון אַ פרוי אין איר צייט.......ו

**ה.** די חלומות קומען וואָרענען די מענטשן אַז זיי ווערן געשטרויכלט מיט אַן עבירה.......ז

**ו.** אויב אַ מענטש דערווייטערט זיך בעת זיין פרוי איז נישט ריין, רוט די שכינה אויף אים.......ז

**ז.** די 18 ברכות פון שמונה עשרה זענען אַנטקעגן די 18 חוליות פון חוט השדרה.......ז

**ח.** מ'דאַרף אין זינען האָבן דעמאָלט דעם רצון ה', ס'זאָל אַרויסקומען הייליקע קינדער.......ח

**ט.** אויב די כוונה איז נישט צו האָבן קינדער בני-תורה און יראי ה' איז אַ שאָד די באַמיאונג.......ח

**י.** וואָס רבי יוסי בן פזי האָט דערציילט וועגן די קדושה פון אהבה, דער פאָטער פון רב אדא וועלכער ווערט אָנגערופן אין חז"ל "רב אדא בר אהבה".......ט

**יא.** אהבה האָט נישט געוואָלט רעדן צו אַ מענטש וואָס ער איז נישט געווען זיכער אַז יענער האָט אַ הייליגע נשמה.......ט

**יב.** אין פרק יח ווערט ערקלערט ווי דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג.......יג

יג. אַמאָליגע חסידים האָבן אויף אַלעם אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה ........................ יב

יד. ווי אַזוי אַ שלאַנג האָט געראַטעוועט רבן שמעון בר יוחאי מיט זיינע צוויי תלמידים ........................ יג

טו. השם יתברך איז מבטיח דעם צדיק, אַז עס וועט אים קיין בייז טרעפן ........................ יד

טז. מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין שום באַשעפעניש ........................ יד

יז. דער בעל הנס דאַרף מתקן זיין אַ גוטע זאַך ........................ יד

יח. דער מחבר פון ספר שיבולי הלקט דערציילט ווי דער אויבערשטער האָט אים געראַטעוועט פון טויט ........................ טו

יט. דאָס ליכט איז אַ רמז אויף די נשמה, און אַזוי ווי דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צוברענען אַזוי גיך וועסטו האָבן אַ רפואה ........................ טז

כ. איך האָב תיכף זיך געשטאַרקט און מחבר געווען דאָס ספר "שיבולי הלקט", אויף תורה, נביאים און כתובים ........................ טז

כא. אַ מענטש טאָר נישט זיין קיין כפוי טובה ........................ יז

כב. עס איז גוט נישט אַרויסצואווייזן רייכטום, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען מקרב זיין אָרימעלייט ........................ יח

כג. אין זכות פון דעם מענטש וואָס נעמט אַריין אין הויז ערליכע אָרימעלייט, ווערן אַ סאַך עקרות געהאָלפן מיט קינדער ........................ יט

כד. דו קענסט זיין זיכער אַז אין דעם יאָר וועסטו האָבן אַ זון ער וועט זיין אַ גרויסער תלמיד חכם ........................ כ

כה. יעדן טאָג איז מען דן די נפטרים פאַר נישט זאָגן ברכות מיט די געהעריגע כוונה ........................ כ

כו. יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט, ווערט פאַרצייכנט אין הימל ........................ כא

כז. אין קאמף מיטן מכשף - הוספה לפרק י"ז אות ב' ........................ כא

❖ ❖ ❖

# פרק יז

**אין דעם פרק ווערן דערקלערט די עלף טיילן פון טומאה וואס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי. - אויך ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון פירן זיך בקדושה ובצניעות.**

**א. חלקי הטומאה,** די חלקים פון טומאה זענען עלף. עס זענען פאַראַן עלף זאַכן וואָס זענען מטמא דעם מענטש. א) די טומאה פון אַ מת. ב) די טומאה פון אַ שרץ. ג) די טומאה פון אַ נבילה. ד) די טומאה פון מענטש. ה) די טומאה פון שפּרענגענדיגע וואַסער. ו) די טומאה פון פרה אדומה, וואָס זי איז מטמא יעדן איינעם וואָס איז עוסק אין איר. ז) די טומאה פון אַ זב. ח) די טומאה פון אַ זבה. ט) די טומאה פון אַ נדה. י) די טומאה פון אַ יולדת. יא) די טומאה פון צרעת.

**די** דאָזיגע טומאות זענען מרמז אויף די עלף וועלטן פון טומאה וואו די חיצונים געפינען זיך דאָרט, וואָס זייער חיות קומט פון די עלף ספירות פון טומאה, וואָס אַנטקעגן זיי זענען פאַראַן די עלף בשמים פון קטורת (וואָס ווערן אויסגערעכנט אין "פיטום הקטורת"), וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן מקטיר זיין כדי אָפּצושוואַכן דעם כח פון די חיצונים.

## דער מענטש וואָס מאַכט פאַר זיך אַ גדר, ווערט אָפּגעהיטן קעגן די חיצונים

**קומט** אויס אַז אויב דער מענטש איז נזהר צו מאַכן פאַר זיך אַ גדר און זיך אָפּצוהיטן פון די דערמאנטע טומאות, ווערט ער אָפּגעשיידט פון די חיצונים, אָבער אויב ער ווערט נאָכגעצויגן נאָך דער טומאה, ווערט ער אָנגעקליידעט און איינגעוואָרצלט אין דעם מקור הטומאה.

## מ׳דאַרף זיין געוואָרנט נישט צו טרעטן אויף די נעגל פון אַן אומריינע פרוי

**א. והנה צריך,** און דו דאַרפסט וויסן דעם גרויסן כוח פון דער דאָזיגער טומאה, אַז 1,405 סאָרטן חיצוניב געפינען זיך אויף די נעגל וואָס וואַקסן ביי אַ נדה, און דעריבער דאָט דער אויבערשטער ברוך הוא באַפוילן אַז די פרוי זאָל זיך אָפּשניידן די נעגל און זיי נישט אַוועקוואַרפן אויף אַן אָרט וואו מענטשן גייען פאַרביי, ווייל דער מענטש וואָס טרעט אויף די דאָזיגע נעגל, אַפילו אויב ער גייט אָנגעטוהן אין זיינע שיך, קען ער געשעדיגט ווערן ח״ו.

## דעריבער דאַרף מען זיך דערווייטערן ווי ווייט מעגלעך פון אַ פרוי אין איר צייט

**ב. והמכשפים עושים,** און די כישוף מאַכער מאַכן כייזוף מיט יענע נעגל, און יעדע מכשפה פּרובירט צו מאַכן כישוף דווקא מיט דעם, ווייל דעמאָלט איז דער כייזוף מער מצליח, וועגן דעם דאַרף דער מענטש זיך דערווייטערן מיט פאַרשידענע דערווייטערונגען פון אַ נדה, סיי מיט רעדן, און אַוודאי נישט צו קוקן אויף איר נאָר גאָר ווייניג, וויפיל עס איז נויטיג, און ער זאָל נישט עסן מיט די נדה צוזאַמען אין איין שיסל, ווייל די שפייעכץ וואָס קומט אַרויס פון איר מויל אין דעם לעפל און פון דעם לעפל צו דעם שיסל, איז גורם אַז דער מענטש זאָל קומען אין אַ סכנה ח״ו.

**ג. ומעשה באיש,** און עס האָט זיך געטראָפן אַ מענטש וואָס האָט געזען אין חלום ווי זיינע פיס זענען פאַרשמירט מיט צואה. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט ער זיך זייער דערשראָקן וויסנדיג אַז דער חלום איז נישט געווען אומזיסט. איז ער געגאַנגען און האָט דערציילט דעם חלום פאַר הרב האר״י ז״ל. האָט דער אר״י ז״ל אים געענטפערט, דיין בעט איז נאָענט צו דעם בעט פון

דיין ווייב וואָס זי איז געשלאָפן דערויף, און דורך דעם שלאָף האָט דער צודעק וואָס דו האָסט זיך צוגעדעקט דערמיט, אָנגערירט דיין ווייב'ס בעט.

## די חלומות קומען וואָרענען די מענטשן אַז זיי ווערן געשטרויכלט מיט אַן עבירה

**דער** מענטש איז תיכף אַהיימגעגאַנגען, און אַוועקגערוקט זיין בעט פון זיין ווייב'ס בעט. דער אריז"ל האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז אין מערסטנטייל קומען די חלומות און וואָרענען די מענטשן וואָס ווערן געשטרויכלט מיט אַ געוויסע עבירה.

## אויב אַ מענטש דערווייטערט זיך בעת זיין פרוי איז נישט ריין, רוט די שכינה אויף אים

**ד. על כן,** צוליב דעם זאָל דער מענטש זעהן זיך צו דערווייטערן מיט אַלערליי דערווייטערונגען פון אַ נדה, און אויב אַ מענטש איז געוואָרנט זיך צו דערווייטערן, זאָלסטו וויסן אַז די שכינה רוהט אויף אים, אַזוי ווי דער זוהר הקדוש זאָגט אין בראשית (דף נ' עמוד א').

## די 18 ברכות פון שמונה עשרה זענען אַנטקעגן די 18 חוליות פון חוט השדרה

**אויך** שטייט דאָרט אין זוהר, יעדעס אָרט וואו עס ווערט געטוהן אַ מצוה, רוהט די שכינה אויף יענעם אָרט, און אויב דער מענטש וועט זיך דעמאָלט הייליגן און טראַכטן אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן 18 רינגלעך אין דעם חוט השדרה פון אַ מענטש, און קעגן דעם האָבן די חכמים זכרונם לברכה מתקן געווען 18 ברכות וואָס מיר זאָגן דריי מאָל אַ טאָג (ד.מ. שמונה עשרה), וואָס אין יעדע ברכה דערמאנען מיר דעם אויבערשטנס נאָמען, און אַנטקעגן דעם זאָל זיין די מחשבה פון דעם מענטש אויף די הייליגקייט פון דעם אויבערשטן, און

אין זוהר הקדוש רעיא מהימנא פרשת קדושים זאָגט ער וועגן דעם (דף רכ"ו עמוד ב') ווי פאָלגענד:

## מ'דאַרף אין זינען האָבן דעמאָלט דעם רצון ה', ס'זאָל אַרויסקומען הייליקע קינדער

**אזוי** שטייט אויך אין זוהר פרשת מצורע (דף נ"ו עמוד א') אַ מענטש דאַרף אין זינען האָבן דעם רצון פון דעם אויבערשטן, כדי פון אים זאָלן אַרויסקומען הייליגע קינדער אויף דער וועלט.

**ואיתא,** און נאָך שטייט דאָרט אין זוהר פרשת קדושים (דף פ"ד עמוד א') ווען רבי שמעון בן יוחאי איז געגאַנגען אין אַ שטאָט איז די חבריא אים נאָכגעגאַנגען, און ער האָט דערזען זיין ווייב גיין, האָט ער אַראָפּגעבויגן זיינע אויגן אויף דער ערד כדי נישט צו קוקן אויף איר, און ער האָט געזאָגט צו דער חבריא, איר זאָלט זיך נישט קערן צו קוקן אויף איר. און דער מענטש וואָס קוקט אויף אַ פרוי בייטאָג, קומט ח"ו ביינאַכט צו טראַכטן פון אַן עבירה. און אַז אַ מענטש זאָגט אין זינען אַנדערע פרויען, זענען די קינדער וואָס ווערן געבוירן פון דעם דאָזיגן מענטש שלעכט, און מערסטענס קומען דערפון אַרויס רשעים, ווייל די קינדער וואָס ווערן געבוירן פון אַזאַ מענטש וועלכער האָט אין זינען געהאַט אַנדערע פרויען זענען שלעכט.

## אויב די כוונה איז נישט צו האָבן קינדער בני-תורה און יראי ה' איז אַ שאָד די באַמיאונג

**און** עס שטייט אין זוהר חדש דף י"ז (דף ט"ו עמוד א') רב הונא האָט געזאָגט, בשעת דער מענטש האט חתונה, דאַרף ער זין הייליגן פאַר דעם אויבערשטנס וועגן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קכז, א) "אִם ה' לֹא יִבְנֶה בַיִת שָׁוְא עָמְלוּ בוֹנָיו בּוֹ", דאָס מיינט צו זאָגן, אויב די כוונה איז נישט לשם שמים צו האָבן קינדער וואָס זאָלן זיין בני תורה און יראי שמים, נאָר זיין כוונה איז פאַר דעם זייגענעם פאַרגעניגן, איז פאַלש די מאַטערניש וואָס זיי האָבן זיך געפלאָגט ווייל

זיי האָבן אין זינען געהאַט אַ פאַלשע כוונה. די דאָזיגע פאַלשע כוונה בּוּ'ענגט דעם יצר הרע.

**וואָס רבי יוסי בן פזי האָט דערציילט וועגן די קדושה פו' אהבה, דער פאָטער פון רב אדא וועלכער ווערט אָנגערופן אין חז"ל "רב אדא בר אהבה"**

**ז. תנו רבנן,** די חכמים האָבן געלערנט, רבי יוסי בן פזי האָט געזאָגט, אַמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג און איך האָב אָנגעטראָפן אַ דאָרף וואָס איז געווען נעבן דעם באַרג פון כ...ר קרדו, און די מענטשן פון דעם דאָרף האָבן זיך געפרייט מיט זייער חי'ק וואָס דער אויבערשטער האָט זיי צוגעטיילט, זייער משא ומתן איז געווען באמונה, און קיין קנאה און שנאה איז נישט געווען צווישן זיי.

**פרייטאָג** צו נאַכט האָב איך געזען ווי מיין בעל הבית שטייט אין איין זייט פון דעם צימער און איז מתפלל צום אויבערש...ן, און זיין ווייב שטייט אויף דער אַנדערער זייט און איז אויך מתפלל. האָב איך זיי געפרעגט, וואָס בעט איר אַצינד? מיר בעטן דעם אויבערשטן ברוך הוא אַז מיר זאָלן האָבן אַ זוהן וואָס זאָל לערנ...ן תורה און זאָל מורא האָבן צו זינדיגן.

**ח. אמר ליה,** האָט רבי יוסי בן פזי געזאָגט צו אים, עס זאָל זיין דער ווילן פון אויבערשטן אַז אייער געבעט זאָל פאַ...ר אים אָנגענומען ווערן, ווייל איר טוט דאָך דאָס פאַר זיינעט וועגן.

**אהבה האָט נישט געוואָלט רעדן צו אַ מענטש וואָס ער איז נישט געווען זיכער אַז יענער האָט אַ הייליגע נשמה**

**נאָך** האָט רבי יוסי געזאָגט, זאָל איך אַזוי זוכה זיין צו זעהן די שכינה, ווי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בין איך נאָך אַמאָל געקומען אַהין, און איך האָב געזעהן דעם זוהן וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער ברכה וואָס איך האָב זיי געבענטשט. ווען ער איז שוין אַלט געווען

זיבן יאָר, האָב איך אים געזען אַרומגיין אין שטוב, און איך האָב געוואָלט רעדן מיט אים. האָט זיין פאָטער צו אים געזאָגט, גיי צו דעם מאַן, ווייל ער איז אַ גרויסער מענטש, אַ תלמיד חכם. האָט דאָס קינד געזאָגט, איך האָב מורא צו רעדן מיט אים און זיך דערנענטערן צו אים, ווייל איך ווייס נישט אויב ער האָט אַ הייליגע נשמה אָדער נישט. אַזוי האָט מיין רבי מיך געלערנט אין היינטיגן טאָג, אַז יעדער מענטש וואָס האָט נישט קיין הייליגע נשמה, טאָר מען מיט אים נישט רעדן און זיך צו אים דערנענטערן. האָט זיין פאָטער צו אים געזאָגט, חס ושלום, דער דאָזיגער מאַן איז אַ גרויסער תלמיד חכם און פון די גרויסע חכמים פון דור. האָט דאָס קינד זיך דערנענטערט צו אים, און האָט נאָך נישט אנגעיאָגט צו רעדן מיט אים.

**ט. אמר ליה,** דאָס קינד האָט געזאָגט צו רבי יוסי בן פזי, איך זע אין דיר אַז זינט אַ קורצע צייט האָסטו אַ נייע נשמה, וואָס איז נישט אַריינגעגעבן געוואָרן אין דיר ווען דו ביזט געקומען אויף דער וועלט.

**האָט** רבי יוסי זיך געוואונדערט און צו אים געזאָגט, עס איז זיכער אַז איך האָב מיך זייער געמיהט אויף דער תורה, און דערפאַר איז אין מיר אַריינגעגעבן געוואָרן אַ נייע נשמה. (רבי יוסי בן פזי דערציילט ווייטער) איך האָב אים געפרעגט, ווער איז דיין רבי? האָט דאָס קינד מיר געענטפערט, מיין רבי הייסט רבי אלכסנדרוס.

**רבי יוסי** האָט אים ווייטער געפרעגט, וואָס האָסטו היינט געלערנט? האָט דאָס קינד געענטפערט: איך האָב געלערנט דעם פסוק (תהלים קיא, י) "רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה' שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עֹשֵׂיהֶם", און אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געדרש'ענט (ברכות דף י"ז ע"א) אַז דער פסוק גייט אַרויף אויף די מענטשן וואָס לערנען לשם שמים, און ער האָט אים אַנטפלעקט וואונדערליכע סודות. (רבי יוסי דערציילט ווייטער) איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז דיין נאָמען? האָט ער מיר

געוועזן זיין געווענטפערט, "אהבה". האָב איך געזאָגט צו אים: מיין האַר, אהבה, "אַהֲבַת עוֹלָם אֲהַבְתִּיךְ" (ירמיה לא, ב), איך האָב דיך ליב אַן אייביגע ליבשאַפט. איך האָב נאָך זוכה געווען צו זען רבי אדא דער זון פון אהבה, און איך האָב אים דערציילט די אויבן דערמאנטע געשיכטע.

**י. על כן,** דעריבער דאַרף דער מענטש זיך הייליגן בשעת ער האָט חתונה מיט זיין ווייב, כדי ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים, און אין די ערשטע פערציג טעג ווען דאָס קינד ווערט באַשאַפן, זאָל ער מתפלל זיין די פאָלגענדע תפילה: יהא רעוא, עס זאָל זיין דער ווילן פון דעם האַר פון דער וועלט, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו זיהן וואָס זענען יראי שמים און צדיקים, און זיי זאָלן מורא האָבן פאַר דעם אויבערשטנס וואָרט, און מיר זאָלן זען אין זיי די קדושה פון די תנאים און אמוראים, אמן.

# פרק יח

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג

**מָה רַבּוּ** מַעֲשֶׂיךָ ה׳ כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ וגו׳ (תהלים קד, כד). באַשעפער, ווי גרויס זענען דיינע מעשים, דו האָסט זיי אַלע געטוהן מיט קלוגשאַפט. מיר האָבן שוין געשריבן אין די פריערדיגע פרקים אַז אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן מתקן געווען צו זאָגן יעדן טאָג דעם קאפיטל "מזמור לתודה", און דערמיט האָבן זיי געמיינט ווייל דער מענטש דאַרף יעדן טאָג דאַנקען דעם אויבערשטן ברוך הוא, און ברענגען אַ קרבן תודה אויף די ניסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג, ווייל דער מענטש דערקענט נישט די ניסים וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא טוט מיט אים.

## אַמאָליגע חסידים האָבן אויף אַלעם אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה

**און** ווען ער זאָגט דעם מזמור, זאָל זיין כוונה אין זיין האַרץ זיין גלייך ווי ער ברענגט אַ קרבן תודה אין בית המקדש אַריין, אַזוי ווי עס פלעגט זיין דער מנהג ביי די פריערדיגע חסידים זכרונם לברכה, אַז אויף יעדע זאַך און געשעעניש וואָס האָט מיט זיי געטראָפן, האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה צום באַשעפער ברוך הוא, און האָבן תיכף דערקענט אַז דאָס איז די השגחה פון באַשעפער ברוך הוא, און עס איז שטענדיג געווען אָנגעקניפּט אין זייער האַרץ אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן די השגחה פון השם יתברך.

**ב. כדמצינו,** אַזוי ווי מיר געפינען אין זוהר הקדוש פרשת אמור (דף ק״ו עמוד ב׳) רבי שמעון בר יוחאי איז געגאַנגען אין וועג, און רבי אבא און רבי יוסי זענען געווען מיט אים, זענען זיי

געקומען צו אַ קוואַל וואַסער, האָט רבי יוסי זיך אָנגעשטויסן און זיך אַריין אין עק פון דעם וואַסער ביז זיינע קליידער זענען געוואָרן פאַרשמירט, האָט רבי יוסי געזאָגט, הלוואי וואָלט דער דאָזיגער קוואַל וואַסער נישט באַשאַפן געוואָרן.

**האָט** רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט צו אים, מיר טאָרן נישט אַזוי זאָגן, ווייל עס נוצט פאַר דער וועלט, און מען טאָר נישט גרינגשעצן דעם אויבערשטנס באַדינערס, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית א, לא) "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד", און דער אויבערשטער האָט געזען אַלעס וואָס ער האט באַשאַפן און עס איז זייער גוט, אפילו די שלאַנגען און עגדיסן און פליגן ווערן אַלע גערופן די באַדינער פון דעם אויבערשטן, די באַדינער פון דער וועלט, נאָר די מענטשן ווייסן נישט צו וואָס יעדע זאַך נוצט.

**ג. ווי זיי** זענען אַזוי געגאַנגען, האָבן זיי געזען ווי אַ שלאַנג שפרינגט און לויפט פאַר זיי, האָט רבן שמעון בר יוחאי געזאָגט: דער דאָזיגער שלאַנג גייט זיכער פאַר אונז אַז עס זאָלן געשען ניסים דורך אים.

## ווי אַזוי אַ שלאַנג האָט געראַטעוועט רבן שמעון בר יוחאי מיט זיינע צוויי תלמידים

**דאַן** איז דער שלאַנג געלאָפן און האָט זיך אַרומגעוויקלט אין אַ באַשעפעניש וואָס הייסט "אפעה". די דאָזיגע "אפעה" איז אַ אַ באַשעפעניש וואָס אויב זי קוקט אויף דעם פנים פון אַ מענטש אָדער דער מענטש קוקט אויף איר פנים, שטאַרבט דער מענטש באַלד צוליב דעם גיפט רחמנא ליצלן, און דער שלאַנג, ווען ער האָט זיך אַרומגעוויקלט אין דעם אפעה, האָבן זיי ביידע אָנגעפאַנגען זיך אַרומצושלאָגן איינער מיט'ן אַנדערן, ביז זיי האָבן ביידע גע'פגר'ט. ווען רבן שמעון בר יוחאי מיט זיינע חברים זענען געקומען צו דעם אָרט האָבן זיי געזען ווי דער שלאַנג מיט דעם אפעה ליגן ביידע טויט.

## השם יתברך איז מבטיח דעם צדיק, אַז עס וועט אים קיין בייז טרעפן

**דאַן** האָט רבן שמעון בר יוחאי אויסגערופן דעם פסוק (תהלים צא, י) "לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה, וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ", דער אויבערשטער איז מבטיח דעם צדיק, עס וועט דיר נישט טרעפן קיין בייז, זוון פאַר דעם צוועק האָט דער אויבערשטער באַשאַפן אַלערליי באַשעפענישן, יעדן פאַר זיין שליחות, אַז דורך זיי היט ער די צדיקים ווען זיי גייען אויפן וועג און אין זייערע הייזער, אַז קיין בייז זאָל זיי נישט געשעען.

## מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין שום באַשעפעניש

**דעריבער** טאָר מען נישט פאַרשעמען קיין שום באַשעפעניש וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט באַשאַפן, ווייל דער אויבערשטער האָט זיי אַלע באַשאַפן פאַר זיין שליחות, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (שם קמה, ט) "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", אַזוי שרייבט דער זוהר.

**דאָס** מיינט אויך דער פסוק "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ", און עס שטייט (שם קמה, י) "יוֹדוּךָ ה' כָּל מַעֲשֶׂיךָ".

## דער בעל הנס דאַרף מתקן זיין אַ גוטע זאַך

**ה. ובהיות כן,** און ווייל עס איז יאָ אַזוי, דער מענטש וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט פאַר אים געטוהן אַ גרויסן נס מיט זיינע גרויסע חסדים, דהיינו, ער האָט אים געראַטעוועט פון גזלנים אָדער פון פייער אָדער פון וואַסער און דאָס גלייכן, אָדער ער איז געווען קראַנק און איז געהיילט געוואָרן דאַרף ער אַוודאי מתקן זיין עפּעס אַ גוטע זאַך, כדי דאָס זאָל דערקענט ווערן אַז ער טוט עס אַנשטאָט דעם וואָס ער האָט געדאַרפט ברענגען אַ קרבן תודה.

## דער מחבר פון ספר שיבולי הלקט דערציילט ווי דער אויבערשטער האָט אים געראַטעוועט פון טויט

**ו. ובא וראה,** און קום און זעה וואָס הרב החסיד מוהר"ר אברהם, דער בעל מחבר פון דעם ספר שבולי לקט שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר מיט דעם פאָלגענדן לשון: זאָגט דער וואָס שרייבט דאָס, איך וועל דאָ דערמאַנען די וואונדער וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט מיר געטוהן בשעת איך בין קראַנק געווען און בין געלעגן אויף דעם קראַנקן בעט, און צוליב מיין גרויס ווייטאָג בין איך געוואָרן באַוואוסט לאָז. איך האָב ביי מיר געטראַכט, איך וועל שוין נישט לעבן. מיינע געדערים האָבן געברומט אין מיר און מיין האַרץ האָט געציטערט אין מיר, ווייל איך האָב מיך דערמאנט אז דער וועג איז אַ ווייטער און איך האָב אָנגעגרייט ווייניג שפייז פאַר מיר.

**ז. והעומדים עלי,** און די וואָס זענען געשטאַנען איבער מיר צו היטן ווי מיין נשמה וועט אויסגיין, האָבן געזען אין מיר אַז מיינע איברים און מיין לייב זענען קאַלט און איך האָב שוין גע'גוסס'ט. די אָנוועזנדיקע ביי מיר האָבן אַרויסגעשטופט אינדרויסן מיין ווייב און מיינע קינדער, און אויך מיינע איבעריגע קרובים וואָס האָבן מיך געזעהן מיט סימנים פון טויט אַזוי ווי דער שטייגער איז ווען די נשמה גייט אַרויס פונעם גוף. מיין פנים איז פאַרענדערט געוואָרן, אָבער דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האָט מיך געשטראָפט אָבער מיך נישט געגעבן צום טויט, נישט דורך מיין זכות, נאָר דורך דעם זכות פון מיינע הייליגע עלטערן.

**ח. ובמראה ראיתי,** און איך האָב געזען מיט מיינע אויגן ווי פאַר מיר שטייט אַ נידעריג געוואוקסיגער מענטש און האַלט אין זיין האַנט אַ ליכט וואָס ברענט. מיט איין מינוט שפּעטער האָט עס אָנגעהויבן פאַרלאָשן צו ווערן און עס האָט ווידער

אָנגעהויבן שנעל צו ברענען. האָב איך געבעטן דעם מענטש, זאָג מיר, מיין האַר, וואָס איז דאָס וואָס דו טוסט פאַר מיר מיט דער דאָזיגער ליכט?

**דאָס ליכט איז אַ רמז אויף די נשמה, און אַזוי ווי דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צוברענען אַזוי גיך וועסטו האָבן אַ רפואה**

**האָט** דער מענטש מיר געענטפערט, דאָס ליכט איז אַ רמז אויף די נשמה פון דעם מענטש, און פונקט אַזוי ווי דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צו ברענען, אַזוי גיך וועסטו האָבן אַ רפואה, און דאָס איז וואָס איך האָב דיר געוויזן מיט מיינע צייכנס.

**איך האָב תיכף זיך געשטאַרקט און מחבר געווען דאָס ספר "שיבולי הלקט", אויף תורה, נביאים און כתובים**

**ט. וידוע תדע,** און דו זאָלסט וויסן, אַז ביי דיין משפט זענען געווען אַ טייל מלאכים וואָס האָבן אויף דיר מלמד זכות געווען און אַ טייל וואָס האָבן אויף דיר מלמד חוב געווען, און מען האָט דיינע זכיות געוואויגן אויף אַ וואָגשאָל, און איך בין געקומען דיר זאָגן די בשורה אַז דער דערבאַרעמדיגער ג-ט האָט פאַר דיר נאָך געמערט דיינע יאָרן און האָט געזאָגט צו דעם מלאך המות: לאָז אָפּ דיין האַנט און נעם נישט זיין נשמה, ווייל ער וועט נאָך מזכה זיין אַ סאַך מענטשן. אַ צייכן גיב איך דיר, אַז צום דריטן טאָג פון היינט וועסטו געזונט ווערן, און אַזוי איז געווען. דער דריטער טאָג איז געווען שבועות, און דאַן בין איך שוין געגאַנגען אין שוהל אַריין, און איך בין געוואָרן ממש ווי אַ נייע באַשעפעניש. האָב איך תיכף אָנגעגאַרטעלט מיינע לענדן און האָב מחבר געווען דאָס ספר שיבולי הלקט, אַ פירוש אויף תורה נביאים כתובים, אַזוי שרייבט ער דאָרט.

## אַ מענטש טאָר נישט זיין קיין כפוי טובה

**י. וכה יעשה**, און אַזוי דאַרף יעדער מענטש טוהן, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין מענטש וואָס עס זאָל מיט אים נישט פאַסירן אַ נס, און בפרט אין די צייטן ווען די צרות שטאַרקן זיך און עס טרעפן זיך מלחמות און הונגער און ענגשאַפט און פיל קראַנקהייטן רח״ל און דער מענטש וואָס דער אויבערשטער האָט אויף אים געמאַכט לייכטן אַ פּאָדים פון גענאָד און האָט אים געראַטעוועט פון די אַלע צרות, דאַרף ער שטענדיג געדענקען די חסדים פון דעם אויבערשטן און נישט זיין קיין כפוי טובה[א], און יעדער מענטש וואָס דער אויבערשטער האָט אויף אים משפיע געווען אַ ברכה אַז ער האָט זוכה געווען צו זיצן אין זיין הויז מיט שטילקייט און מיט זיכערקייט, און האָט אַ מסודר'דיגע פרנסה, דאַרף ער אַוודאי אָפּגעבן דערפאַר זיין לויב און דאַנק דעם אויבערשטן.

---

א) ואיידי דאתינן להכי נעתיק כאן דברי הפלא יועץ, מ״ש בענין כפיית טובה והכרת טובה, וזה לשונו הזהב (באות כ׳ ערך כפוי טובה): ״כתיב (משלי יז יג) משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו. וחיובא רמיא על האדם שקיבל כל דהוא טובה מחבירו שתהא חקוקה בלבו תמיד כל הימים, שלא לגמול עמו שום רעה, ולשלם לעושה הטובה ככל הבא מידו. אפילו אם עשה לו גם כן רעה, הרעה ישכח והטובה לא ישכח, כי צריך האדם שיהא בו מדעת קונו, וכתיב (ישעי׳ מט, טו) גם אלה תשכחנה, שהוא מעשה העגל ואנכי לא אשכחך, שהוא קבלת התורה. וצא ולמד ממשה רבינו שלא הכה את היאור ואת העפר לפי שקבל טובה מהם, וכן אמרו רז״ל שלא נקם משה נקמת מדין לפי שנתגדל ביניהם, ואמרו רז״ל בשמות רבה (פ״ד, ב) כל הפותח פתח לחבירו חייב בכבודו יותר מאביו ואמו. אתה מוצא באליהו שלא החיה אבותיו כמו שהחיה את בן הצרפית, ואלישע לא החיה אבותיו כמו שהחיה את בן השונמית, אלא שמסר נפשו על אכסניא שלו. ואם כ״כ חייב להחזיק טובה לחבירו על פת לחם, על אחת כמה וכמה אם קבל ממנו טובה הרבה, ועל אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת אם קבל ממנו טובת הנפש, כגון שלמדו חכמה, או הדריכו בדרך טובה, והפרישו מדרך רעה, שזו טובה גדולה שאין למעלה הימנה, כמה וכמה יגדל חובתו להכיר טובתו ולנהוג בו כבוד, ואם לא ינהג בו כבוד כראוי אין לך כפוי טובה גדול מזה. וישא ביום ההוא ק״ו בעצמו כמה וכמה חייב אדם לבורא המרבה להטיב רב טוב לבית ישראל עד אין חקר, כך גדלה חובותינו עד אין חקר״, עכ״ל.

**יא. ומה מאוד**, און ווי שטאַרק איז דער מחבר פון ספר חרדים מזהיר אויף דעם ענין, ער שרייבט אַז דאָס איז פון כלל פון דער מצות עשה וואָס די תורה האָט געהייסן אַז דער מענטש וואָס ברענגט ביכורים אין בית המקדש אַריין, זאָל זאָגן דעם פסוק (דברים כו, ג) הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה׳ אֱלֹהֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה וגו׳, איך זאָג היינט צו דעם אויבערשטן דיין ג-ט אַז איך בין נישט קיין כפוי טובה אַז איך בין געקומען צו אַ גוט לאַנד. פון דעם פסוק איז אַ גרויסע אזהרה אויף די מענטשן וואָס זענען מקבל גוטע השפעות פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז זיי זאָלן דערפאַר אָפּגעבן אַ שבח והודיה צו דעם אויבערשטן, און זיי זאָלן נישט קלאָגן אַז זיי האָבן נישט. אַזוי ווי קאַרגע מענטשן וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן פרנסה מער ווי זיי דאַרפן, און פאַר מענטשן קלאָגן זיי זיך שטענדיג און וויינען גלייך ווי זיי האָבן קיין ברויט נישט, און באמת האָבן זיי אַלעס גוטס, נאָר זייער כוונה דערמיט וואָס זיי קלאָגן זיך אַלץ איז גאָר כדי צו פאַרמיידן אָרימעלייט פון זייער הויז, און אויף אַזעלכע מענטשן זאָגט דער פסוק (תהלים לד, ז) "זֶה עָנִי קָרָא וַה׳ שָׁמֵעַ", דער דאָזיגער אָרימאַן רופט און שרייט צום אויבערשטן אַז דער עושר וויל אים נישט געבן קיין צדקה, און דער אויבערשטער וועט זיך צוהערן צו זיין תפילה און וועט מאַכן דעם עושר אויך אָרים. די תפילה פון דעם אָרימאַן וועט זיך נישט אָּוועקרירן ביז דער אויבערשטער וועט באַשטראָפן די עושרים אַז זיי וועלן אויך קומען צו אָרימקייט.

**עס איז גוט נישט אַרויס צו ווייזן רייכטום, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען מקרב זיין אָרימעלייט**

**יב. הגם אשר**, כאָטש עס איז דאָך אַוודאי גוט מקיים צו זיין די אזהרה פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה (תענית דף י׳ עמוד ב׳) אַז מען זאָל נישט אַרויסווייזן דאָס רייכטום, אַזוי ווי יעקב אבינו עליו השלום האָט אָנגעזאָגט פאַר זיינע קינדער (בראשית מב, א)

"למה תתראו", ספעציעל אין די איצטיגע צייט ווען די גוים קוקן זייע
פיל אויף די פאַרמעגנס פון די אידן און פאַרגינען זיי נישט,
פונד'עסטוועגן דאַרף מען אַרויסווייזן אַ פריילעך פנים און ליבשאַפט
און אַ ווילן פאַר די אָרימעלייט.

## אין זכות פון דעם מענטש וואָס נעמט אַריין אין הויז ערליכע אָרימעלייט, ווערן אַ סאַך עקרות געהאָלפן מיט קינדער

**דאָס איז** דער ווילן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, און בפרט דער מענטש וואָס לאָזט איינשטיין אין זיין הויז ערליכע אָרימעלייט, דער איז זוכה אַז דורך זיין זכות ווערן נפקד פיל עקרות.

**יג. ומצינו נמי,** און מיר געפינען אויך אַז אַ מעשה האָט פאַסירט ביי אַן אַלטן מאַן וואָס ער איז געווען אין דער צייט ווען מען האָט געמאַכט גרויסע גזירות אויף די אידן פון ספרד און שפאַניע, און זיין נאָמען איז געווען רבי יחיאל, און ער האָט געוואוינט אין אַ שטאָט אין איטאַליע ביי דעם ברעג פון דעם גרויסן ים, און אַז מען האָט גוזר געווען אויף די אידן פון ספרד שפאַניע גזירות זענען זיי אַנטלאָפן פון יענע מדינה.

**דער** דאָזיגער רבי יחיאל פלעגט אויפנעמען אַלע מענטשן מיט אַ פריילעך פנים, רייכע און אָרימע, און ער פלעגט זיי געבן גענוג עסן און טרינקען, און האָט זיי באַגלייט און געגעבן שפייז און געלט אַז זיי זאָלן האָבן אויפן וועג, און ער האָט אַוועקגעגעבן זייער פיל געלט פאַר די הוצאה פון זיינע געסט.

**יד. ויהי היום,** און אַ געוויסן טאָג זענען געקומען צו אים פיר זקנים פונעם גלות וועלכע זענען געווען גרויסע חכמים, און ווען זיי האָבן דערזען זיין גרויס רייכטום און גרויסקייט, און ווי ער איז אַ גרויסער ברייטהאַרציגער נדבן וואָס טוט גענאָד מיט אָרימע און רייכע.

## דו קענסט זיין זיכער אַז אין דעם יאָר וועסטו האָבן אַ זון, ער וועט זיין אַ גרויסער תלמיד חכם

**האָבן** די פיר זקנים אים געפרעגט: וואָס דאַרפסטו פון אויבערשטן? האָט ער זיי געענטפערט: מיין בקשה איז אַז איך זאָל זוכה זיין צו האָבן קינדער, ווייל איך האָב נאָך נישט קיין קינדער. האָבן די פיר זקנים צו אים געזאָגט: דו קענסט זיין זיכער אַז אין היינטיגן יאָר וועסטו האָבן אַ זון און ער וועט זיין אַ גרויסער תלמיד חכם און דו זאָלסט אים אַ נאָמען געבן אברהם. דאָס איז אַ סימן אַז דו האָסט גומל חסד געווען מיט די קינדער פון אברהם אבינו, און אַזוי איז געווען, דאָס יאָר האָט ער געהאַט אַ זוהן אַ גרויסן גאון, רבינו אברהם מפיסא, וועלכער האָט מחבר געווען זייער אַ סאַך ספרים.

**טו. וכיוצא בזה,** און נאָך ענליכע געשיכטעס געפינען מיר צו לאָזן מאַכן וויסן אַז יעדע גוטע מעשה ווערט אויסגעקריצט און פאַרצייכנט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, נאָר ער זאָל די מצוה טוהן לשם שמים, ווייל אַלע זאַכן וואָס דער מענטש טוט דאַרף ער עס טוהן לשם שמים און מיט דער גאַנצער כוונה פון זיין האַרץ, בפרט ווען ער איז מתפלל אָדער ער זאָגט ברכות, מוז עס אַוודאי זיין לשם שמים און מיט כוונה.

## יעדן טאָג איז מען דן די נפטרים פאַר נישט זאָגן ברכות מיט די געהעריגע כוונה

**טז. כדאיתא,** אַזוי ווי עס שטייט אין ספר חסידים, ער ברענגט אַ מעשה אַז אַ מענטש וואָס איז געשטאָרבן יונגערהייט איז נאָך צוועלף חדשים געקומען צום חלום צו איינעם פון זיינע קרובים, האָט ער אים געפרעגט, ווי גייט עס דיר דאָרטן? האָט דער פאַרשטאָרבענער קרוב אים געענטפערט: יעדן טאָג איז מען דן מיך דערויף וואָס איך האָב נישט מדקדק געווען צו זאָגן בכוונה די ברכה

פון "המוציא" און די ברכה איבער פירות און בענטשן, און די ממונים וואס זענען מיך דן זאָגן צו מיר, דו האָסט געגעסן פון דיין הנאה וועגן.

**האָט** דער קרוב אים געפרעגט: מיר זאָגן דאָך אַז דער משפט פון דע גיהנם איז נאָר צוועלף חדשים און דו ביזט דאָך שוין טויט מער פון צוועלף חדשים. האָט דער מת אים געענטפערט: מען איז מיך נישט דן אין גיהנום מיט האַרבע שטראָף, נאָר מען איז מיך דן אינדרויסן פון דעם גיהנום מיט אַ לייכטע שטראָף, און די ממונים זאָגן אַז דאָס אַלע איז פון מיין טובה וועגן, כדי איך זאָל זוכה זיין אַריינצוגיין אין גן עדן אַריין, דאָרטן צו נעמען מיין פולן חלק.

**יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט, ווערט פאַרצייכנט אין הימל**

**דער** כלל איז, אַז יעדע זאַך וואָס דער מענטש טוט, ווערט עס פאַרצייכנט אויבן אין הימל, און אויף יעדע זאַך איז פאַראַן שכר און עונש, און וואויל איז צו דעם מענטש וואָס גייט אַרויס זכאי פון דעם בית דין של מעלה, אמן.

❖ ❖ ❖

## הוספה לפרק י"ז אות ב'

## אין קאמף מיטן מכשף

**איינער** פון די גרעסטע תלמידים פון הייליגן רבי'ן רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע איז געוועזן דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימאנאוו זי"ע.

**אַמאָל** איז רבי מענדעלע רימאַנאָווער געפאָרן קיין גראָסוואַרדיין, וועלכע געפינט זיך אין אונגאַרן, און איז איינגעשטאַנען נעבן עק שטאָט.

**ווי נאַטירלעך,** האָט דאָס קומען פון רבי'ן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי אַלע שטאָט און אומגעגענט אידן, און ביז עטליכע טעג איז דאָס הויז וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חסידים שטיבל, וואו חסידים און סתם אידן זענען געקומען צום רבי'ן.

**נישט ווייט** פון דעם רבינ'ס אכסניא האָט געוואוינט אַ גראַף, וואָס טראָץ זיין גרויס עשירות האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרגינען דעם גרויסן כבוד וואָס אידן גיבן אָפּ זייער רבי'ן. טאָג טעגליך פלעגט ער צוקוקן ווי אַ סאַך אידן קומען און גייען, און מיט'ן פולסטן רעספעקט באַציט מען זיך צו יעדן ווינק פון רבי'ן. דאָס אַלעס האָט אַריינגעוואָרפן דעם גראַף אין אַ שרעקלעכער קרענק, וואָס אפילו גרויסע דאָקטוירים האָבן נישט געפונען קיין רפואה דערפאַר.

**אין אַ** געווויסן טאָג איז דער גלח פון געגנט געקומען באַזוכן דעם קראַנקן גראַף, און ער האט באַלד געזען אַז די קרענק פון דעם גלח איז אַן אויסשליסלעכער רעזולטאט פון קנאה.

**נאָכ'ן** פאַרברענגען אַביסל מיט דעם גראַף, האָט דער גלח אַרויסבאַקומען פונעם גראַף אַז די קנאה שטאַמט פון דעם גרויסן כבוד וואָס מען גיט אָפּ פאַר דעם צדיק, און דערביי האָט ער צוגעגעבן פאַר'ן גלח, אַז אויב עס וועט אים געלונגען אומצובר ננגען דעם רבי'ן גיט ער אים אַוועק אַ גרויס חלק פון זיין פאַרמעגן.

**דער** גלח האָט צוגעזאָגט דעם גראַף, אַז ביז עטליכע טעג וועט ער ערלעדיגן דאָס "פראָבלעם", און האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם גראַף.

**נאָך** אין זעלבן טאָג האָט דער גלח געשיקט רופן די גוי'אישע דינסט וועלכע האָט געאַרבעט אין דער דירה וואו דער רבי ר' מענז'עלע איז איינגעשטאַנען, און האָט איר אויפגעפאָדערט אים צו ברענגען סיי וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין, אַ זאַך וואָס האָט אויף זיך שווייס פון

רבי'ן ר' מענדעלע, און ווי פאַרשטענדלעך, מוז די זאַך געהאַלטן ווערן שטרענג געהיים.

**די דינסט** אויפגאַבע איז נישט געווען קיין לייכטע, ווייל אין שטוב האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט מענטשן, און די האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט. דערפאַר איז איר בלויז געלונגען אַרויסצושלעפּן אַביסל שטרוי פון רבינ'ס בעט, און דאָס איבערגעגעבן פאַרן גלח. דער גלח איז געווען צופרידן דערפון, און האָט איר באַצאָלט פאַר איר אַרבעט.

**חמשה עשר** בשבט, דער רבי זיצט מיט זיינע חסידים און פּראַוועט טיש, און מיטאַמאָל פאַנגען אָן די חסידים איינצושלאָפן, איינער נאָכ'ן אַנדערן. דער רבי האָט פּראָבירט זיי אויפצוּוועקן, אָבער אָן דערפאָלג. פּלוצלונג פאַנגט אָן צו פאַלן שטיקער ערד און שטיינער פונעם דאַך. אַ שרעקלעכער פּחד איז באַפאַלן דעם רבי'ן, אָבער באַלד האָט ער אַרויסגענומען דאָס היילינע ספר "נועם אלימלך" פון זיין רבי'ן ז"ע, און אָנגעפאַנגען צו לערנען דערין.

**דער אויבערשטער** האָט געהאָלפן און ס'האָט באַלד אויפגעהערט צו פאַלן ערד און שטיינער, און אַלע חסידים האָבן זיך אויפגעוועקט.

**באַלד** דערנאָך האָט דער רבי ר' מענדעלע געהייסן איינשפּאַנען פערד און וואָגן און אַנטלויפן פונעם אָרט. נאָכן אָפּפאָרן אַ לאַנגע שטרעקע, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט כדי זיך אָפּצורוהען אין אַ קרעטשמע. נאָך אַ ווײַלע איז דער גלח אָנגעקומען אין דער קרעטשמע און האט געבעטן ערלויבעניש אַריינצוגיין צום רבי'ן, ווייל ער האָט עפּעס געוואָלט דורכשמועסן מיט אים.

**דער רבי** האָט פאַרבאָטן די גבאים אים אַריינצולאָזן צו אים. אַוועקגייענדיג האָט דער גלח געזאָגט צו די גבאים: "אויב

איר האָט אַזאַ גרויסן רבי'ן וואָס האָט מיך געקענט מנצח זיין, דאַרפט איר נישט מורא האָבן פאַר קיינעם״.

**ווען דער** גלח איז נעלם געוואָרן, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע דערציילט אַז דער גלח האָט אים באַפאַלן מיט זייער אַ שטאַרקן כישוף און ער האָט געמוזט נוצן גרויסע כוחות כדי אים בייצוקומען.

**עס איז** נישט דורכגעגאַנגען אַ וואָך און דער גראַף איז געשטאָרבן. דער גלח איז געוואָרן פאַראַליזירט פאַר דריי יאָר צייט און דערנאָך איז אויך ער געשטאָרבן.

**ווען הרה״ק** רבי צבי הירש פון רימאַנאָוו זי״ע, דער ממלא מקום פון רבי'ן ר׳ מענדעלע, האָט דערציילט די מעשה, האָט ער צוגעגעבן, אַז פון דעם קען מען זען ווי גרויס עס איז דער כוח פון צדיקים, אַז דורך לערנען אַביסל אינעם ספר ״נועם אלימלך״ האָט ער געקענט אוועקנעמען דעם כישוף-כוח פונעם גלח. זיעוכי״א.